# זייט פארזיכטיג- פסח!

היט זיך אויס פון א שריפה ברען פארהיטונג אינפארמאציע ספעציעל פאר פרומע אידן

Burn Prevention Information of Special Interest to Observant Jews

- צווישן פורים און פסח ווען מען רייניגט אויס דעם חמץ פון יעדע אידישע שטוב איז ליידער א צייט ווען עס קומען פאר מערערע בראנדוואונדן. דעריבער איז מען מחוייב צו זיין פיל מער וואכזאם און פארזיכטיג.

- לאזט קיינמאל נישט קינדער זיך דרייען נעבן הייסע וואסער וואס מ'נוצט פארן רייניגן לכבוד פסח. (גרויסע דארפן אויך זיין פארזיכטיג!).

- זייט פארזיכטיג מיט Easy-Off, ווי אויך מיט אלע אנדערע רייניגונג כעמיקאלן.

- ביי בדיקת חמץ, מאכט זיכער אז איר האלט נישט דאס לעכט נעבן עפעס וואס קען זיך גרינג אנצונדן - למשל: פירהאנגען, (couches), און טישטוכער. אויף די קינדער דארף מען אויפפאסן די גאנצע צייט!

- שריפת חמץ - האלט א שטרענגע אויג אויף די קינדער. אויב מעגליך, מאכט די עלטערע קינדער פאראנטווארטליך אויף די יונגערע - אז זיי זאלן ויסן וואו זיי געפונען זיך די גאנצע צייט.

- געדענקט אפצוזינדערן די הייסע ערטער אינ'ם קאך וואו קינדער מעגן נישט צוגיין.

- מאכט זיכער אז כאטש איר זענט שטארק פארנומען מיט'ן צוגרייטן צום סדר, דאך האלט איר אן אויג אויף די הייסע זאכן, און אויף די קינדער.